בס"ד

# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קמד**

**פרשת תזריע**

בענין

**לבאר את המדרש פליאה**

*'וידם אהרן' – מה הוי ליה לומר?*

*'וביום השמיני ימול בשר ערלתו'*

**חלק ב'**

**וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ** (ויקרא יב, ג)

## מדרש פליאה

די **מפרשים** (יערות דבש חלק ב, דרש יז; שם משמואל בפרשתן, ועוד) ברענגען אראפ א מדרש פליאה וואס עס שטייט אזוי: **וַיִּדֹּם אַהֲרֹן** (ויקרא י, ג) **מה הוי ליה לומר? היה לו לומר וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ** - פירוש: די מדרש פרעגט אויף דעם וואס עס שטייט אין פסוק וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, דהיינו אהרן הכהן האט געשוויגן נאך וואס ער האט פארלוירן זיינע צוויי זוהן נדב ואביהוא - פרעגט די מדרש, וואס האט אהרן געקענט זאגן? און ער האט אבער אנשטאט דעם געשוויגן? ענטפערט די מדרש, אז אהרן וואלט געקענט זאגן וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ. עד כאן המדרש. און די מדרש איז דאך בפשטות זייער שווער צו פארשטיין.

## דרכו של הגאון הקדוש מאוסטראווצא זצוק"ל

די גרויסע גאון וקדוש און חריף **רבי מאיר יחיאל הלוי האלצשטאק זצ"ל 'דער אוסטראווצע'ר גאון'** און זיין ספר **מאיר עיני חכמים** (מהדורא תליתאי, פרשת שמיני) איז מבאר דער מדרש בדרך זה, וזה לשונו: **ונראה לומר בעזהשי"ת, דהנה איתא במדרש ויקרא רבה** (י, ה) **דבני אהרן מתו בשביל מעשה עגל שעשה אהרן אביהם** - פירוש: אין מדרש שטייט אז די טעם פארוואס נדב ואביהוא האבן באקומען די עונש פון מיתה איז ווייבאלד אהרן הכהן האט געהאט שייכות מיט דער עשיות העגל.

קומט אבער דער אוסטראוואצא'ער גאון און פרעגט אויף דער טעם, וזה לשונו: **אמנם באמת, הטעם של אהרן שעשה מעשה העגל הוא כדאיתא במסכת סנהדרין** (ז, א) שראה חור זבוח לפניו, עיי"ש. **ואף על פי דבעבודה זרה אמרינן יהרג ואל יעבור, מכל מקום הא פסק הרמב"ם בהלכות יסודי התורה** (פרק ה, הלכה ד) **דאם עבר ולא נהרג פטור מעונש, דעבר באונס ולא ביטל רק מצות עשה של קידוש השם עיי"ש** - פירוש: שטייט אין **מסכת סנהדרין** (ז, א): אין פסוק ביי די פרשה פון די עגל שטייט: (שמות לב, ה) **"וַיַּרְא אַהֲרֹן"** וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וַיֹּאמַר חַג לַה' מָחָר, פרעגט די גמרא: **מה ראה** - וואס האט אהרן געזעהן? אין פסוק שטייט דאך נישט וואס ער האט געזעהן? **אמר רבי בנימין בר יפת אמר רבי אלעזר: ראה חור שזבוח לפניו** - פירוש: אהרן הכהן האט געזעהן ווי חור איז גע'שחט'ן אין פארענט פון אים, ווייל די אידן האבן אים גע'הרג'ט ווייל ער האט נישט געוואלט מאכן די עגל. און ווען אהרן האט דעס געזעהן: **אמר - אי לא שמענא להו השתא, עבדו לי כדעבדו בחור** - דהיינו, אהרן האט געזאגט צו זיך, אויב וועל איך נישט מאכן די עגל וועט כלל ישראל אויך מיך הרג'נען אזוי ווי זיי האבן גע'הרג'ט חור, איז אהרן געגאנגען אין געמאכט די עגל. און אפילו בעצם איז עבודה זרה איינער פון די דריי עבירות וואס מען דארף זיך מוסר נפש זיין, און מען דארף זיך לאזן הרג'נען אין נישט עובר זיין אויף דעם, אפילו אזוי פסק'נט די רמב"ם, אז אויב איינער האט נישט זיך געלאזט הרג'נען, נאר ער האט עובר

געוועהן אויף און געדינט עבודה זרה, איז ער נישט מחויב אויף דער עבירה פון עבודה זרה ווייל ער איז געוועהן א אונס, און ער איז נאר עובר אויף די עשה פון קידוש השם, און אויב אזוי דא ביי אהרן הכהן, וואלט ער נישט געדארפט באקומען קיין עונש אויף דעם וואס ער האט געמאכט די עגל, וויבאלד ער איז דאך געוועהן א אונס, און ער וואלט נישט געדארפט זיין חייב אויף דעם?

ענטפערט דער גאון: **אך כל זה הוא, אם אמרינן בכל התורה דפיקוח נפש דוחה כל איסורים, ולכך גם כאן פיקוח נפש דוחה איסור דעבודה זרה, ולא נשאר רק מצות עשה דקידוש השם, אבל אי פיקוח נפש אינו דוחה בכל מקום, אם כן כאן איסור עבודה זרה במקומו עומד ונמצא דמחוייב אהרן עונש** - פירוש: דער גאנצע דין אז מען איז פטור אויב מען האט זיך נישט מוסר נפש געוועהן ביי די ג' עבירות חמורות, איז נאר געבויעט אז מען זאגט אז 'פיקוח נפש איז דוחה אלע מצות פון די תורה' און דעמאלטס זאגט מען אז ביי עבודה זרה, מיז מען זיך יא מוסר נפש זיין, און אויב איינער איז נישט בייגעשטאנען דער נסיון און ער האט יא געדינט עבודה זרה, איז ער פטור, ווייל בכל התורה כולה איז דאך דער דין אז 'פיקוח נפש דוחה כל התורה,' אבער אויב וואלט געוועהן דער הלכה אז 'פיקוח נפש איז נישט דוחה קיין איין מצוה פון די תורה'. און די אייבישטער האט געגעבן די תורה און מען דארף זיך מוסר נפש זיין צו מקיים אלע מצות פון די תורה, דעמאלטס וואלט מען אפילו ביי עבודה זרה געוועהן מחויב אויב מען האט זיך נישט מוסר נפש געוועהן, ווייל עס איז אזוי ווי אלע אנדערע מצות און די תורה ווי מען דארף זיך מוסר נפש זיין. איז לפי קומט אויס, אויב מען זאגט אז 'פיקוח נפש דוחה' דעמאלטס וואלט אהרן נישט געדארפט באקומען קיין עונש אויף דעם וואס ער האט געמאכט די עגל, אבער אויף מען זאגט אז 'פיקוח נפש אינו דוחה' דעמאלטס דארף אהרן יא באקומען די עונש אויף דעם וואס ער האט געמאכט די עגל.

איז די אוסטראוואצא'ער ממשיך און שרייבט: **והנה הא דקיימא לן דפיקוח נפש דוחה שבת, ילפינן במסכת שבת** (קלב, א) **ממילה, דמה מילה שהיא אחת מאיבריו של אדם דוחה את השבת קל וחומר נפש שדוחה את השבת עיי"ש. והנה הא דמילה דוחה את השבת ילפינן שם מדכתיב 'וביום השמיני ימול בשר ערלתו', ואפילו בשבת** - פירוש: די אוסטראוואצא'ער גאון ברענגט אראפ א גמרא אין מסכת שבת ווי עס שטייט: **מניין לפיקוח נפש שדוחה את השבת?** - פון ווי לערנט מען ארויס אז פיקוח נפש איז דוחה אלע עבירות פון די תורה אפילו שבת? ענטפערט די גמרא: **רבי אלעזר בן עזריה אומר: מה מילה שהיא אחד מאיבריו של אדם דוחה את השבת, קל וחומר לפיקוח נפש שדוחה את השבת** - פירוש: מען לערנט עס ארויס פון א קל וחומר פון מילה, מה-דאך מילה וואס איז נאר איין אבר פון א מענטש אפילו אזוי איז עס דוחה שבת, דהיינו מען מעג מל'ן אין שבת, כל שכן פיקוח נפש וואס אלע איבורים פון א מענטש איז תלוי אין דעם, אז עס איז דוחה שבת.

פון ווי ווייסט מען טאקע אז מילה איז דוחה שבת? אויף דעם שטייט בהמשך די גמרא דארט: **וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ - 'וביום' אפילו בשבת.**

מיט דער אלע הקדמות איז די אוסטראוואצא'ער גאון מבאר דער מדרש בטוב טעם ודעת: **ואם כן על פי זה מובן המדרש, דמה היה לו לומר, וביום השמיני ימול בשר ערלתו, היינו דנשמע מפסוק זו דאפילו בשבת דמילה דוחה שבת, ואם כן קל וחומר דפיקוח נפש דוחה שבת, ואם כן אף בעבודה זרה אם עבר ולא נהרג ליכא חיוב רק ביטל עשה דקידוש השם גרידא, ואם כן ליכא עונש מצד הדין על ארהן ושפיר היה לו לטעון על מיתת בניו. ואתי שפיר** - פירוש: ווען אהרן האט באקומען דער עונש אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן, און ווי די מדרש איז מבאר איז די עונש געקומען ווייל ער האט געמאכט די עגל, אויף דעם האט אהרן געקענט זאגן: וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ, און די גמרא דרש'נט דאך: 'וביום' אפילו בשבת. און פון דעם וואס מילה איז דוחה שבת, לערנט מען ארויס מיט א קל וחומר אז פיקוח נפש איז דוחה שבת, און אזוי אויך אלע מצות, און אויב די הלכה איז אז 'פיקוח נפש דוחה', איז אפילו איינער גייט נישט עומד זיין בנסיון און ער גייט זיך נישט לאזן הרג'נען ביי די עבירה פון עבודה זרה, גייט ער נישט עובר זיין אויף א איסור לא תעשה, נאר אויף א עשה - אזוי ווי די רמב"ם שרייבט - און אהרן הכהן האט דאך אויך נאר געמאכט די עגל ווייל 'ראה חור זבוח לפניו', און ער וואלט נישט געדארפט באקומען קיין עונש, און אפילו אזוי 'וַיִּדֹּם אַהֲרֹן'!

## דרכו של הגה"ק מקלויזנבורג זצ"ל

**הגה"ק רבי יקותיאל יהודה האלבערשטאם זצוק"ל** די קלויזענבורג'ע רב האט געזאגט א הפלא'דיגע מהלך על דרך פלפול צו מבאר זיין דברי המדרש.

קושית הצנצנת מנחם איך המית ה' נדב ואביהוא במשכן ולעבור על לאו של טומאת מקדש

און ער איז מקדים מיט א קשיא וואס דער **ישמח משה** ברענגט אראפ אין פרשת שמיני (על הפסוק ותצא האש) בשם הספר **צנצנת מנחם**, וזה לשונו של הישמח משה שם: **בספר צנצנת מנחם הקשה, איך עשה ה' ככה להמית נדב ואביהוא**

במקדש ה׳, ולעבור על לאו דטומאת מקדש, עד כאן. **ובאמת קושיתו נכונה דהא מסורת בידוע שהשי״ת שומר תורתו, כמבואר בירושלמי** (ראש השנה, פרק א, הלכה ג) **על הפסוק ושמרו את משמרתי** - פירוש: דער ישמח משה ברענגט א שטארקע קשיא פון די צנצנת מנחם, וואס האט געפרעגט, עס איז דאך ידוע אז די אייבישטער היט דאך די גאנצע תורה, אזוי ווי עס שטייט אין ירושלמי (ראש השנה, דף ט, ב מדפי עוז והדר): **בנוהג שבעולם, מלך בשר ודם גוזר גזירה, רצה - מקיימה, רצו - אחרים מקיימים אותה, אבל הקדוש ברוך הוא אינו כן, אלא גוזר גזירה ומקיימא תחילה.** פרעגט די ירושלמי: **מאי טעמא**, דהיינו ווי זעהט מען אז אייבישטער איז מקיים די גאנצע תורה? ענטפערט די ירושלמי: **וְשָׁמְרוּ אֶת מִשְׁמַרְתִּי... אֲנִי ה׳** (ויקרא כב, ט), **הני הוא ששימרתי מצותיה של תורה תחילה.** און לפי זה איז שווער, איינער פון די לא תעשה׳ס אין די תורה איז דאך אז מען טאר נישט מטמא זיין די בית המקדש, איז ווי אזוי האט די אייבישטער געקענט הרג׳נען נדב ואביהוא במקדש ה׳, מען איז דאך לכאורה עובר אויף די לאו פון ׳טומאת מקדש׳?

#### תירוצו של הישמח משה על קושית הצנצנת מנחם

קומט די **ישמח משה** און ענטפערט א הפלא׳דיגע תירוץ אויף דער קשיא, און ער איז מקדים מיט א אנדערע גרויסע סתירה וואס מען טרעפט אין כמה מקומות אין ש״ס און די נושא צו ׳צדיקים זענען מטמא אדער נישט׳.

#### סתירה בדברי חז״ל אם צדיקים מטמאים או לא

פון איין זייט שטייט אפאר מאל אז צדיקים זענען יא מטמא. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא **מסכת סוכה** (כה, א): **תניא, וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם וְלֹא יָכְלוּ לַעֲשֹׂת הַפֶּסַח בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּקְרְבוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי אַהֲרֹן בַּיּוֹם הַהוּא** (במדבר ט, א) **אותם אנשים מי היו? נושאי ארונו של יוסף היו, דברי רבי יוסי הגלילי** - פירוש: אין פסוק שטייט אז עס זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען ׳טמאים לנפש אדם׳, און זיי האבן נישט געקענט מקריב זיין די קרבן פסח, זענען זיי צוגעגאנגען צו משה ואהרן, מיט א טענה ׳למה נגרע׳, אונז ווילן אויך מקריב זיין די קרבן פסח. קומט די ברייתא און פרעגט ׳ווער זענען געווען די מענטשן וואס זענען געווען ׳טמאים לנפש אדם׳? זאגט רבי יוסי הגלילי, אז דער מענטשן זענען געווען ׳נושאי ארונו של יוסף׳, דהיינו זיי זענען געווען די וואס האבן געטראגן די ארון פון יוסף הצדיק און זיי זענען געווארן טמא בטומאת מת. עד כאן.

זעהט מען פון דער גמרא, אז אפילו צדיקים ווי יוסף הצדיק איז אויך מטמא.

און אזוי אויך שטייט אין **מסכת ברכות** (כח, ב): **רבן יוחנן בן זכאי... בשעת פטירתו** - בשעת ער איז אוועק פון די וועלט, **אמר להם** - האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים, **פנו כלים** - מען זאל ארויס נעמען כלים פון די שטוב ווי ער געפינט זיך, **מפני הטומאה** - כדי ער זאל נישט טמא ווערן בטומאת מת. עד כאן. זעהט מען פון דעם אז אפילו אזוי גרויסע צדיק ווי רבן יוחנן בן זכאי האט אויך מטמא געווען.

פון די אנדערע זייט ברענגט **תוספות** אין **מסכת בבא מציעא** (קיד, ב, ד״ה מהו) פון א **ילקוט משלי** (כמו שציין הגרעק״א בגליון הש״ס שם) וואס שטייט: **מצינו כשהיה** [אליהו] **קובר רבי עקיבא היה דוחה, שאמר ליה ׳וכי אינך כהן׳, אמר ליה צדיקים אין מטמאין** - פירוש: אליהו הנביא וואס איז געווען א כהן (כמבואר בגמרא בבא מציעא שם) האט זיך מתעסק געווען מיט די קבורה פון רבי עקיבא, און מענטשן האבן אים געפרעגט, ווי אזוי קענסטו זיך מטמא זיין צו א מת? האט אליהו געענפערט ׳צדיקים אין מטמאין׳, דהיינו צדיקים זענען נישט מטמא. עד כאן. זעהט מען פון דעם אז צדיקים זענען נישט מטמא.

און אזוי אויך זעהט מען אין **תוספות** אין **מסכת כתובות** (קג, ב, ד״ה אותו), וואס שרייבט אויף דעם וואס עס שטייט אין די גמרא דארט: **אותו היום שמת רבי בטלה קדושה** - איז תוספות דארטן קודם מפרש פשוט פשט אין די גמרא: **שהיו קורין אותו רבינו הקדוש**, דהיינו ווען רבי איז אוועק פון די וועלט, איז בטל געווארן דער גרויסע ׳מדת הקדושה׳. ווייל עס איז נישט געווען איינער הייליגער פון רבינו הקדוש. איז תוספות ממשיך און ברענגט אראפ א צווייטע פשט אויף ׳אותו היום שמת רבי בטלה קדושה׳, וזה לשונו: **והרב רבי חיים הכהן היה אומר, אילמלי הייתי כשנפטר רבינו תם הייתי מטמא לו, דהאי ׳בטלה קדושה׳ דקאמר הכא, היינו קדושת כהונה** - פירוש: רבי חיים הכהן האט געלערנט א נייער פשט אין די ווערטער ׳אותו היום שמת רבי בטלה קדושה׳, דהיינו, נאר אין יענער טאג וואס רבי איז אוועק פון די וועלט איז בטל געווארן דער ׳קדושת כהונה׳, דהיינו כהנים האבן זיך געמעגט מטמא זיין מפני כבודו פון רבי. און לפי זה האט רבי חיים הכהן געזאגט, אז ווען ער וואלט געווען ווען רבינו תם איז נפטר געווארן, וואלט ער זיך מטמא געווען אין עוסק געווען בקבורת רבינו תם, אפילו רבי חיים איז געווען א כהן, ווייל ביי א צדיק ווערט ׳בטל הקדושה׳, און מען מעג זיך מטמא זיין. זעהט מען לכאורה אויך פון דער תוספות אז צדיקים זענען נישט מטמא.

איז לכאורה האבן מיר א גרויסע סתירה. צו זענען צדיקים יא מטמא אדער נישט?

הסבירו של הישמח משה ליישב את דברי חז"ל

קומט דער ישמח משה און ענטפערט א הפלא'דיגע תירוץ אויף דער סתירה, וזה לשונו: **והנ"ל בזה, דוודאי מעצם הדין ראוי להיות שצדיקים לא יטמאו, כי אין טומאה להם, ובמיתתן נקראו חיים** (ברכות יח, א). **אך לא ניתנה לנו להתנהג בדין זה, כי הכרעה זו אין דעתינו דעת האנושי מקפת אתה, כי אני ה' חוקר לב ובוחן כליות כתיב, והאדם יראה לעינים, ולכך אין לנו להתנהג בזה כלל אף אם נודע לנו שהוא צדיק, כדי שלא לחלק בין צדיק לצדיק דאין כח המבחין בידינו. כנ"ל ברור ואמת בס"ד** - פירוש: דער ישמח משה איז מחדש, אז בעצם איז דער דין אמת אז 'צדיקים אינם מטמאין', דהיינו צדיקים זענען נישט מטמא, און לפי זה דעם וואס אליהו האט געזאגט אז 'צדיקים אינם מטמאין', און אזוי אויך רבי חיים הכהן וואס קומט אויס פון דארט אז צדיקים זענען נישט מטמא, איז אמת. אבער וויבאלד עס איז זייער שווער מבחין צו זיין ווער עס איז יא א צדיק, און ווער נישט, וועגן דעם האבן די חכמים געמאכט א גדר אז יעדער מת אפילו א צדיק איז אויך מטמא, 'דאין כח המבחין בידינו'.

לפי דער יסוד, קומט דער ישמח משה און פארענטפערט די קשיא פון דער צנצנת מנחם 'איך עשה ה' ככה להמית נדב ואביהוא במקדש ה', ולעבור על לאו דטומאת מקדש'. וזה לשונו: **ואם כן לפי זה מיושב הכל, דעל השי"ת - הרי אצלו גלוי הכל, ונוהג דין זה דהצדיקים אינם מטמאין. והוא נכון בס"ד** - פירוש: לפי דער חידוש וואס דער ישמח משה האט מחדש געווען, אז בעצם זענען צדיקים נישט מטמא, נאר אפילו אזוי זאגט מען אז זיי זענען יא מטמא ווייל 'אין כח המבחין בידינו', איז דעם איז נאר ביי א בשר ודם, אבער ביי דער אייבישטער וואס איז דער בוחן כליות ולב, ביי אים איז דאך יא גלוי ווער עס איז א עכטע צדיק, און ביי אים גייט ווייטער אן דער דין אז צדיקים זענען נישט מטמא. און וועגן דעם אפילו די אייבישטער איז מקיים די גאנצע תורה, אפילו אזוי האט ער געמעגט הרג'נען נדב ואביהוא אין דער בית המקדש, ווייל ביי די אייבישטער גייט אן דער דין א 'צדיקים אינם מטמאין'. כפתור ופרח!

ביאורו של החתם סופר בטעם איסור טומאת מת שהוא משום סייג וגדר

זאגט דער קלויזנבורג'ע רב, אז דער גאנצע תירוץ פון דער ישמח משה איז נאר גוט, אויב מען טייטשט אפ, אז דער טעם פארוואס סתם א מענטש איז יא מטמא, און א צדיק איז נישט מטמא, איז מכח דער 'רוח הטומאה' וואס איז שורה אויף א מענטש. וואס דעמאלטס זאגט מען אז סתם א מענטש האט אויף זיך א רוח טומאה און ער איז מטמא, מה שאין כן א צדיק האט נישט דער רוח טומאה און ער איז נישט מטמא. אבער בעצם טרעפט מען א אנדערע טעם פארוואס א מת איז מטמא, און לפי זה וועט מען נישט קענען מחלק זיין ציווישן סתם א מענטש און א צדיק. און דער טעם שטייט אין **שו"ת חתם סופר** (יורה דעה, תשובה שלו) ווי די חתם סופר שרייבט הייליגע און לעכטיגע דיבורים, וזה לשונו: **וכבר הארכתי במקום אחר במה שאמרו חז"ל** (יבמות סא, א) **אין עכו"ם מטמאים, אציע מה שכתוב תוספות פרק קמא דעבודה זרה** (ג, א, ד"ה כהנים) **לחלק בין אדם להאדם, דגם עכו"ם נקראו האדם, והסביר תורת חיים** (בבא קמא לח, א ד"ה כהנים) **כי האדם בה"א הידיעה דקאי אהגוף העומד בפנינו, ובזה בין עכו"ם ובין ישראל צורת אדם הוא, אך אדם בלא ה"י הידיעה קאי על תוכו אדם פנימי - חלק אלהי ממעל, זה קאי על ישראל ולא אעכו"ם**.

פירוש: די חתם סופר ברענגט אראפ א גמרא אין מסכת יבמות ווי עס שטייט אז 'אין עכו"ם מטמאין', דהיינו א גוי וואס איז א מת איז נישט מטמא, נאר א ישראל המת איז מטמא. קומט די חתם סופר און איז מבאר די טעם פארוואס נאר א ישראל איז מטמא, און ער איז מקדים מיט א **תוספות** אין **מסכת עבודה זרה** (ג, א ד"ה כהנים) וואס שטעלט זיך אויף דעם וואס די גמרא זאגט דארט: **תניא, היה רבי מאיר אומר, מנין שאפילו עכו"ם ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול? תלמוד לומר** (ויקרא יח, ה) **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם, כהנים לוים וישראלים לא נאמר, אלא 'האדם', הא למדת שאפילו עובד כוכבים ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול** - פירוש: רבי מאיר לערנט ארויס פון די פסוק 'אשר יעשה אותם "האדם" וחי בהם, אז אפילו א גוי וואס לערנט תורה דארף מען מכבד זיין אזוי ווי א כהן גדול.

קומט תוספות און פרעגט אויף דער גמרא: **ומשמע הכא** - עס איז משמע פון די גמרא דא, **דעובדי כוכבים קרוין אדם** - ווען די תורה זאגט דיווארט 'אדם' גייען אפילו די גוים אריין בגדר אדם, **ותימה, דהא אמרינן בעלמא** (בבא מציעא קיד, ב; ועוד) **דאין קברי עכו"ם מטמאין באהל, משום דכתיב** (במדבר יט, ד) **'אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל', אתם קרויים אדם, דכתיב** (יחזקאל לד, לא) **וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם - אתם קרוין אדם ולא עובדי כוכבים קרויים אדם** - פירוש: תוספות פרעגט, אז דא אין מסכת עבודה זרה איז מבואר אז ווען די תורה שרייבט 'אדם', איז עס כולל אפילו 'עכו"ם', אזוי ווי רבי מאיר דרש'נט אז 'שאפילו עכו"ם ועוסק בתורה שהוא ככהן

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

גדול׳. מה שאין כן אין גמרא אין מסכת בבא מציעא, דרש׳נט די גמרא פון ׳אדם כי ימות באהל׳, אז דוקא א ישראל איז מטמא באהל אבער א גוי נישט ווייל ׳לא עובדי כוכבים קרויים אדם׳?

קומט תוספות און ענטפערט: **ואומר רבינו תם, דיש לחלק בין ׳אדם׳ ל׳האדם׳** - פירוש: ווען די תורה שרייבט ׳האדם׳ מיט א ה"א הידיעה דעמאלטס איז עס כולל אפילו גוים אויך, און וועגן דעם דרש׳נט רבי מאיר פון די פסוק ׳יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם׳ אז אפילו א גוי העוסק בתורה איז אזוי ווי די כהן גדול. מה שאין כן ביי די פסוק פון ׳אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל׳ דארט שטייט ׳אדם׳ אן קיין ה"א הידיעה, און דעמאלטס מיינט עס דוקא א ישראל און נישט קיין עכו"ם. עד כאן דברי התוספות.

און די טעם החילוק פון האדם מיט א ה"א און אדם אן קיין ה"א - ברעגנט די חתם סופר - א הפלא׳דיגע הסבר פון די גרויסע גאון און רבן של ישראל **רבי אברהם חיים שור זצוק"ל** - וואס איז מפורסם על שם זיין חיבור ׳צאן קדשים׳ אויף סדר קדשים - ווי ער שרייבט אין זיין ספר **תורת חיים**. ווען עס שטייט אין פסוק ׳האדם׳ רעדט מען פון די מין אדם, וואס דעס מיינט דער גוף האדם, וואס דעס האט א גוי אויך. אבער ווען די תורה שרייבט ׳אדם׳ אן קיין ה"א רעדט די תורה פון די פנימיות האדם, וואס דעס איז דער חלק אלוקי ממעל, וואס איז נאר שייך ביי איד און נישט ביי קיין גוי.

לפי דער הסבר פון די תורת חיים איז דער חתם סופר ממשיך, און שרייבט א נפקא מינה להלכה וואס עס גייט זיין ציווישן א גוי און א איד, וזה לשונו: **וחושב אני שאפשר לומר שהחמירה תורה בטומאת המת, שלא יבואו ליהנות, וכעין הא דנדה נ"ה ע"א, אלא התם בעור אדם דרבנן, ואני אומר בבשר אדם דאורייתא, ואם כן בשר עכו"ם דמותר בהנאה אינו מטמא באוהל עכ"פ לא החמירה תורה כי אינו צריך הרחקה, והאי גופא טעמא בעי הוא משום דכל העכו"ם חושבים בפירוד הנשמה מהגוף נשאר הגוף בלי שום לחלוחית רוחניות, על כן קוראים הרוח (זעליג) והגוף פגר (געקערפערט) שהוא כולו גוף (קערפער), וע"כ מנתחים אותו ואינם חוששים לבזיונו וע"כ מותר בהנאה ואין עכו"ם במותם קרוים עוד אדם לפי דעתם ואמונתם.**

**אך בני ישראל מאמינים גם אדם כי ימות באהל עדיין במותו נקרא אדם פנימי ולא פגר (קערפער) כי גם בגופו שהיה נרתק נרתיק לנשמה נשאר בו לחלוחית קדושה, ונוהגים בו כבוד, ואומרים עליו קללת אלקים תלוי... על כן אסור בהנאה, וממילא מטמא** - פירוש: דער חתם סופר איז מסביר פארוואס א ישראל שמת איז מטמא, און א גוי שמת איז נישט מטמא. און דער חתם סופר קומט אויף מיט א חידוש - אז די גאנצע טעם פארוואס א ישראל שמת איז מטמא, איז אלץ "גדר" כדי מען זאל נישט קומען הנאה האבן פון א מת. און וויבאלד נאר פון א ישראל שמת טאר מען נישט הנאה האבן, וועגן דעם איז נאר ביי א א ישראל דא די גדר אז עס איז מטמא. משא"כ ביי א גוי וואס מען מעג הנאה האבן פון א גוי שמת, איז נישט שייך צו זאגן אז ער איז מטמא, ווייל עס דארף נישט קיין גדר, ווייל מען מעג להלכה הנאה האבן פון א טויטע גוי. און די טעם פארוואס מען מעג נישט הנאה האבן פון א ישראל שמת און פון א גוי יא, איז געבויעט אויף די ווערטער פון די תורת חיים, אז א ישראל האט אין זיך א ׳אדם פנימי׳, און אפילו נאך וואס דער ׳האדם החיצוני׳ שטארבט בלייבט נאך אלץ איבער די אדם הפנימי, און מען טאר נוהג כבוד זיין צו דער אדם הפנימי, און מען טאר נישט הנאה האבן פון דעם, וועגן דעם האט די תורה געמאכט א גדר אז עס איז מטמא, כדי מען זאל נישט קומען צו הנאה האבן פון דעם. משא"כ ביי א גוי די רגע עס שטארבט איז בטל געווארען דער ׳האדם החיצוני׳, און מען מעג הנאה האבן פון א טויטע גוי, וועגן דעם איז עס נישט מטמא. עד כאן דברי חתם סופר.

לפי דער חתם סופר, אז די גאנצע איסור טומאה ביי א מת איז כדי מען זאל נישט קומען צו הנאה האבן פון א מת - זאגט די קלויזנבורג׳ער רב - קומט אויס פונקט פארקערט פון די ווערטער פון די ישמח משה, און מען וואלט געדארפט מער מחמיר זיין ביי צדיקים און זאגן אז עס איז מטמא כדי מען זאל נישט קומען הנאה האבן פון דער ׳אדם הפנימי׳ וואס צדיקים האבן, און אויב אזוי איז הדרא קושיא לדוכתא ווי אזוי האט די אייבישטער גע׳הרג׳ט נדב ואביהוא אין בית המקדש, לפי די דער טעם פון די חתם סופר איז כל שכן אז צדיקים זענען מטמא?

#### הסבירו של החתם סופר תלוי בדברי האחרונים אי מצינו איסור דאורייתא מטעם סייג

זאגט דער קלויזנבורג׳ע רב, אז דער טעם פון די חתם סופר אז טומאת מת איז אלץ ׳גזירה׳ אז מען זאל נישט קומען הנאה האבן פון א מת איז תלוי און א גרויסע נידון אין די **אחרונים** (עי׳ בשושנת העמקים להפמ"ג כלל ט, ובלקח טוב להגר"י ענגיל, כלל ח׳, ועוד - ועי׳ בגליון הבא מספר קמ"ה פרשת מצורע שהארכנו קצת בזה), צו מען טרעפט אז די תורה אליינס זאל מאכן א גדר וסייג צו א אייגענע עשה אדער לא תעשה. דהיינו, נארמאל ווייסט מען אז די ׳רבנן׳ זיי האבן געמאכט איסורים אלץ גזירה מען זאל נישט קומען עובר זיין א איסור מן התורה. אבער אין די תורה אליינס, דהיינו, צו עס איז דא

געוויסע מצות אין תורה, וואס די עצם עשה אדער לא תעשה איז נישט פאר זיך אליינס, נאר עס אז א עשה אדער א לא תעשה, כדי מען זאל נישט צוקומען צו נישט טוהן די אנדערע עשה ולא תעשה. איז לפי זה קומט אויס, אויב טרעפט מען אין די תורה אז די תורה אליינס מאכט א סייג וגדר, דעמאלטס שטומט זייער גוט די הסבר פון דער חתם סופר, אז טומאת מת איז א גדר אז מען זאל נישט קומען הנאה האבן פון א מת. אבער אויב מען טרעפט נישט אין די תורה א גדר וסייג, דעמאלטס וועט נישט שטומען דער הסבר פון דער חתם סופר, ווייל מען קען נישט זאגן אז די תורה אליינס האט געמאכט א גדר וסייג און געזאגט אז א מת איז מטמא כדי מען זאל נישט הנאה האבן, און ע"כ וועט מען זאגן אז דער ישמח משה איז יא גערעכנט און צדיקים זענען נישט מטמא.

###### פירושו של האבן עזרא על הפסוק 'וביום השמיני ימול'

איז דער קלויזנבורג'ע רב איז ממשיך און זאגט: דער **אבן עזרא** שרייבט אויף דער פסוק **וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל - מבנין נפעל** - פירוש: דער אבן עזרא איז מבאר דער פסוק וביום השמיני ימול, נישט ווי פשוט פשט דהיינו 'די אכטע טאג **"זאל מען מל'ן"**, נאר ער איז מבאר די פסוק: די אכטע טאג זאל דער קינד **"זיין גע'מל'ט"**. און לכאורה דארף מען פארשטיין וואס קומט די אבן עזרא צו זאגן?

נאר דער בני יששכר אין זיין ספר **'דרך פקודיך'** (מצוה ב חלק המעשה, אות ו) איז מבאר דעם וואס שטייט אין **משנה** (שבת, פרק יט, משנה ו) **'מל ולא פרע - כאילו לא מל'**, דהיינו אויב איינער האט גע'מל'ט א קינד אבער ער האט נישט געמאכט 'פריעה' נאך דעם, ווערט עס גערעכנט כאילו דער קינד איז בכלל נישט גע'מל'ט. איז דער דרך פקודיך מסביר דער טעם: **ונ"ל דמשום הכי קאמרינן כאילו לא מל דבהמשך הזמן יצטרך שוב לחתוך ולא תסגי בהפריעה לבדה כאשר ראיתי מעשה כמה פעמים שבא כזאת לידי** - פירוש: דער דרך פקודיך איז מסביר אז די טעם פארוואס ווען מען מאכט נישט קיין פריעה ווערט עס גערעכנט 'כאילו לא מל', איז וויבאלד ווען מען מאכט נישט קיין פריעה, גייט דער עור המילה צוריק וואקסן און עס וועט אויסקומען אז דער קינד איז נישט גע'מל'ט. וועגן דעם מיז מען מאכן פריעה.

מיט דער דרך פקודיך איז דער קלויזנבורג'ע רב מסביר דער ווערטער פון די אבן עזרא 'ימול - בלשון נפעל', דהיינו די תורה זאגט אז מען זאל מאכן פריעה ווייל נאר אזוי וועט מען זיין זיכער אז דער קינד וועט 'זיין גע'מל'ט' אבער אויב מען גייט נישט מאכן קיין פריעה, קען זיין אז דער עור המילה גייט צוריק וואקסן אין דער קינד גייט 'זיין גע'מל'ט.

מיט דער הסבר אין די ווערטער פון דער אבן עזרא קומט אויס אז די 'תורה אליינס' האט געמאכט א גדר וסייג, ווייל די תורה זאגט דא 'וביום השמיני ימול', דהיינו מאך זיכער אז די קינד האט אויך געהאט פריעה, אין אזוי וועט דער קינד זיין גע'מל'ט. דהיינו די תורה האט געמאכט דא א גדר וסייג כדי די קינד זאל האבן מקיים די מצוה פון מילה.

###### דרכו של הגה"ק מקלויזנבורג מדברי המדרש פליאה לפי כל ההקדמות הנ"ל

לפי די אלע הקדמות קומט דער קלויזנבורג'ע רב און איז מבאר דער ווערטער פון די מדרש: **מה הוי ליה לומר? היה לו לומר וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ**. דהיינו, נאך וואס די אייבישטער האט גע'הרג'ט נדב ואביהוא אין די משכן, האט אהרן געקענט טענה'ן און פרעגן, ווי אזוי האט די אייבישטער גע'הרג'ט נדב ואיבהוא אין די משכן, די הלכה איז דאך אז מען טאר נישט מטמא זיין די בית המקדש? און אויב מען וועט ענטפערן אז 'צדיקים זענען נישט מטמא' און אזוי ווי די ישמח משה האט געזאגט, אז כלפי דער בוחן וכליות ולב זענען צדיקים נישט מטמא, אויף דעם קען אהרן טענה'ן 'וביום השמיני ימול', און ווי די אבן עזרא איז מסביר אז עס איז א לשון 'נפעל', און מיט די הסבר פון דער דרך פקודיך אז די תורה האט געמאכט א גדר וסייג אז מען מיז מאכן פריעה כדי די מילה זאל זיין א גוטע מילה, אויב אזוי זעהט מען אז די תורה אליינס מאכט אויך גדרים וסייגים, און אויב אזוי איז בעצם קען מען זאגן אז צדיקים זענען יא מטמא, און די טעם פון די טומאה איז אזוי ווי דער חתם סופר שרייבט אז עס איז א "גדר וסייג" מען זאל נישט קומען הנאה האבן פון דער מת, איז לפי זה - טענה'ט אהרן הכהן - ווי אזוי האט די אייבישטער מטמא געווען דער בית המקדש שלא על פי דין? און אפילו אזוי 'וידם אהרן'! כפתור ופרח!